# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר בראשית - מהדורת הנדבן**

לע"נ **מיכאל משה יהודה** ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל **זילבערבערג** ע"ה

## פרשת נח

# א וויסטע וועלט

**פרנס השבוע**

לע"נ

האשה החשובה מרת **בראנדל ב"ר צבי הלוי** ע"ה

ת.נ.צ.ב.ה.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn Ny 11219

# פרשת נח

שנה ג׳

# א וויסטע וועלט

## תוכן:

חלק א׳ - דער מבול פון אמאל
חלק ב׳ - דער היינטיגער מבול
חלק ג׳ – דער סיבה אונטער׳ן מבול

## חלק א׳ - דער מבול פון אמאל

### די פולע סיבות ארום דעם מבול

ווען מען רעדט פון דער ענין פון דער מבול, איינע פון די ערשטע זאכן וואס מיר מוזן פארשטיין איז, אז דער גרויסער מבול האט געהאט מער ווי איין ציל. דער אמת איז, אז ווען הקדוש ברוך הוא טוט סיי וואס, האט ער אסאך סיבות דערצו. אזוי ווי דער הייליגער גר״א זאגט (דברי אליהו, שבת), "ווען ס'קומט צו מצוות, אפילו אין פאל וואס איין סיבה איז מער נישט שייך, מיינט נישט אז די מצוה האט שוין מער נישט קיין שייכות מיט דיר, ווייל הקדוש ברוך הוא האט גענוג אנדערע סיבות וואס זענען יא שייך".

און פונקט אזוי ווי די ווערטער פון אויבערשטן אין זיין תורה האט מער ווי איין סיבה, איז דעם אויבערשטנ'ס ווארט אין היסטאריע גארנישט אנדערש, כביכול דעם אויבערשטנ'ס מח איז גענוג גרויס צו האבן מטרות אויף מטרות, סיבות איבער אנדערע סיבות, דעריבער אויב דער אויבערשטער האט געברענגט אזא גרויסער חורבן אויף דער וועלט, איז נישט קיין שאלה אז ער האט געהאט אין חשבון א צאל מטרות.

תיכף אן קיין קלער, פארשטייען מיר אז דער מבול איז געווען א וועג צו פטור ווערן פון זינדיגע מענטשן, וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹקִים וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס, וְהִנְנִי מַשְׁחִיתָם אֶת הָאָרֶץ, און די וועלט איז געווען פארדארבן פארן אויבערשטן, און די וועלט איז פול געווארן מיט רויב, און איך גיי פארדארבן די וועלט, (בראשית ו׳). ס'איז געווען שלעכטס אויף דער וועלט, דעריבער האט הקדוש ברוך הוא געטון וואס ער טוט כסדר, ער האט גערייניגט די וועלט.

## פארטיליגן די ווירוס

ס'איז אזוי ווי די וואלד-פייערן. יעדער ווייסט אז צומאל פלאקערט אויף ריזיגע פייערן וואס פארברענען די וועלדער, טויזנטערביימער ווערן פארניכטעט. כאטש עס זעט אויס ווי א חורבן איז עס פאקטיש א טובה פאר די וועלט, ווייל צומאל ווען די ביימער ווערן אלט, אפילו אויב זיי שטעלן זיך פאר ווי גרויס און מעכטיג זענען אסאך פון זיי אינפעקטירט מיט פַּאנגעס און באצילן. זיי ווערן נעסטן פון אנשטעקיגע קרענקן, און איבער גאנצע וועלדער טרעפן זיך קרענקליכע ביימער וואס פארשפרייטן קרענקן און פארפוילונג צו אנדערע ביימער און פלאנצונגען.

אלזא, ווען השי"ת זעט אז דער סכנה האט זיך צו שטארק פארשפרייט אן קיין אפשטעל, שיקט ער א בליץ צו אויפלאקערן א וואלד-פייער וואס ברענגט דעם גאנצן וואלד צום גרונד. און אזוי ווערט דער וואלד גערייניגט, די באצילן און פַּאנגעס ווערן פארברענט. און יעצט איז די וואלד ערד שוין גענצליך ריין.

ס'איז נישטא מער קיין וואלד, אבער אויף אן אופן פון ניסים לעבן איבער די קערנדלעך פון די ביימער און זיי הייבן ווידער אן צו וואקסן. און די נייע ביימער זענען געזונט, זיי האבן מער נישט קיין אינפעקציעס, דאס איז איינע פון די סיבות פון וואלד פייערן - די חורבן איז פאקטיש א רייניגונג, ס'איז א נייער אנהייב, די אויסגערייניגטע ערד וועט יעצט פראדוצירן נייע ביימער וואס זענען ריין פון קרענק.

זיכער קענען מיר זאגן אז דער מבול איז געווען א וואלד-פייער פון וואסער. השי"ת האט גערייניגט די וועלט פון די רשעים. ער האט אוועקגעשווענקט א באפעלקערונג וואס איז געוואקסן גרויס, אבער זענען אויך געווען אינפעסטירט מיט קרענק פון רשעות און שלעכטע אויפפירונג, און ווען ער האט געזען ווי די פארפוילטקייט צושפרייט זיך פון משפחה צו משפחה, פון דארף צו דארף, פון שטאט צו שטאט, איז דער צייט געקומען צו מאכן א סוף צו דעם, שיקן א מבול פון חורבן אפצואווישן דאס אלעס און דורכדעם רייניגן די וועלט.

## א מגיפה איז בעסער ווי א מבול

אבער דא שטעלט זיך א גרויסע שאלה, דער אויבערשטער וואלט געקענט שיקן א מגיפה איבער די וועלט אפצואווישן די זינדיגע מענטשן און לאזן די וועלט גאנץ. עס זענען דא מגיפות וואס צושפרייטן זיך שנעל פון מענטש צו מענטש, פון איין משפחה צום אנדערן און דערנאך פון שטאט צו שטאט און הרג'ענען יעדן אויפן וועג. השי"ת וואלט ווען געקענט באשטראפן דעם דור המבול מיט א מגיפה, און פונקט ווי די פארפוילקייט פון די מענטשהייט האט זיך צושפרייט פון מענטש צו מענטש, מידה כנגד מידה, זאל ווערן געשיקט א קרענק דורך השי"ת, און דער וועלט זאל גערייניגט געווארן אויף דעם זעלבן אופן.

און אויף דעם אופן וואלט ווען געקענט זיין א קראנקהייט וואס וואלט נישט עפעקטירט די חיות. פארוואס דארף מען חרוב מאכן חיות? פיל באשעפענישן זענען אפגעווישט געווארן יענע צייט. עטליכע גרויסע חיות פון אמאל האבן נישט איבערגעלעבט דעם קאטאסטראפע. די 'דיינעסארס' זענען אלע חרוב געווארן דעמאלטס. מען קען נאך היינט טרעפן, מאסן פון 'דיינעסאר ביינער' צאמגעשטופט צוזאמען אין גרויסע פלעצער, ווייל זיי זענען באגראבן געווארן צוזאמען. אנדערע פארצייטישע חיות קען מען טרעפן אין סיביר וואו ס'דא ריזיגע גריבער פול מיט טויזנטער פון 'מאסטאדאן' סקעלעטן.

ס'איז זיכער אז זיי האבן נישט אליינס מחליט געווען זיך צו באגראבן צוזאמען. ס'איז נישט ווי א בית הקברות וואו יעדער מענטש באזארגט זיך מיט א קרקע. אזא זאך קען נאר פאסירן צוליב א גרויסע קאטאסטראפע וואס האט זיי פלוצלונג באטראפן. און אפילו די באשעפענישן וואס האבן איבערגעלעבט

אויפן תיבה זענען נאר געווען איינציגע. פאר יעדע זכר און נקבה וואס איז געראטעוועט געווארן זענען געווען טויזנטער וואס זענען אפגעווישט געווארן.

## פארשוועמונג איבער דער ערד

נישט נאר חיות זענען פארלוירן געווארן. אפילו די ערד אליין איז פארניכטעט געווארן. פרוכט גערטנער, ווייץ פעלדער, גערשטן, רייז, אלעס איז פארלוירן געגאנגען. די קערעלעך זענען געבליבן שווימען אין די וואסער און שפעטער האבן זיי געקענט אנהייבן צו וואקסן נאכאמאל אבער ס'איז געווען א גרויסער חורבן, ס'איז נישט קיין שאלה איבער דעם. ס'נישטא מער קיין פעלדער און וועלדער. נישטא מער קיין הייזער, שטעט און שטעטלעך, אלעס איז נעלם געווארן.

דאס איז א שווערע זאך צו פארשטיין. וואס האט אויסגעפעלט צו רייניגן די וועלט אויסער מענטשן? ס'איז געווען די מענטשהייט וואס האבן שלעכטס געטון. די קיען און שעפעלעך האבן גארנישט שלעכטס געטון! פארוואס האט די ערד געמוזט פארלענדעט ווערן?! וואס האבן די הייזער, פעלדער, ביימער געטון? ס'איז אזא גרויסע שאלה אז מיר זענען געצווינגען צו זאגן אן אנדערע סיבה אויפן מבול.

צו פארשטיין די תשובה צו די שאלה, וועלן מיר ערשט אריינקוקן אין א פסוק אין קהלת, גם את העולם נתן בלבם, אויך די וועלט האט ער אריינגעלייגט אין זייער הארץ. שלמה המלך לערנט אונז זייער א וויכטיגע נקודה, אז השי"ת האט געלייגט די ליבשאפט פון די וועלט אין א מענטשנ'ס הארץ, ס'איז זייער א ליבליכע וועלט און דערפאר קענסטו זען ווי א קליין קינד ווערט איבערגענומען מיט אלעס ארום אים. דו נעמסט אים ארויס צו די קאנטרי אדער מאנרא און גלייך ווערט ער פארגאפט אינדרויסן, די גראז, די ביימער, די היישעריקן, די מורישקעס, דו קענסט אים נישט אוועקשלעפן, אפילו די פשוט'ע גאסן נעמט אים איבער. דערמאן דיך ווען דו האסט ארויס געלאזט דיין קליין קינד צום ערשטן מאל. ער איז אלץ געווען איינגעשפארט אין הויז און יעצט איז ער שוין אביסל עלטער און דו לאזט אים שפילן אינדרויסן. יעצט פרוביר אים צוריק אריינצוברענגען - דו ווייסט מוזן ברענגען א פערד אים אריינצושלעפן אהיים! איך געדענק וויפל מיינע זון, איינער נאכן אנדערן האבן ליב געהאט די גאס.

וואס איז שוין דא אין גאס? ס'איז נישט געווען קיין צוקערלעך, נישט קיין אונטערהאלטונגען, נישט קיין ריידס, נאר א פשוט'ער גאס. אבער ס'ציט אים נאכאלץ, ווייל "השי"ת האט געלייגט די וועלט אין מענטשנ'ס הארץ", און ס'ענדיגט זיך נישט ווען דער מענטש וואקסט אויף. אלע אונזערע לעבנ'ס טעג לייגט דער אויבערשטער אריין די וועלט אין אונזערע הערצער.

## די ארגינאלע ערפינדערס

און דאס איז דער פלאן פון השי"ת! ער וויל אז די מענטשהייט זאל ליב האבן די וועלט ווייל נאר אזוי וועט די עולם הזה פונקציאנירן. ישיבות און גראסעריס, קליידער געשעפטן, בריקן, נאך אלעם וועלן בריקן נישט וואקסן אויף ביימער, מענטשן דארפן האבן אן אינטערעס אין די וועלט אז ס'זאל עקזיסטירן. דערפאר האט השי"ת "אריינגעלייגט די וועלט אין די הארץ פון מענטשן".

און דער דור המבול, נאך מער ווי דו קענסט זיך פארשטעלן, זענען געווען אויסגעצייכנט אין ערפילן דעם פסוק. זיי זענען געווען פארנומען מיט אלעם, בויענדיג די וועלט וואס מיר האבן היינט.

ס'איז געווען בשעת די ערשטע יארן פון היסטאריע פון דער וועלט וואס די מענטשהייט האט אויסגעטראפן אלע מעטאדן וואס מיר דארפן פאר אונזער טאג-טעגליכע לעבן. און אפילו אויב מיר זענען געווארן מער פארגעשריטן זייט דעמאלטס, איז דאס געבויט אויסשליסליך אויף די ארבעט פון אמאל. מיר זענען בלויז קליינע מענטשעלעך שטייענדיג אויף די אקסלען פון די ריזן.

זיי האבן זיך געדארפט לערנען ווי אזוי צו מאכן נוצן פון פייער, ווי אזוי צו קאכן און באקן און ווי אזוי צו מאכן געצייג. זיי האבן שטודירט אלע פלאנצונגען,ביימער און פרוכט כדי צו אנטוויקלען די ערפינדונג און מעטאדן פון פלאנצן און וואקסן. זיי האבן אויך געדארפט לערנען ווי אזוי צו מאכן שטאף. ס'איז נישט עפעס וואס מען לערנט בדרך אגב, ס'איז ניטאמאל עפעס וואס מען לערנט אין איין דור, מען דארף הונדערטער יארן פון לערנען די פאך. מען דארף יארן און יארן פון אויספרובירן און דורכפאלן. ס'איז נישט אזוי גרינג צו מאכן קליידונג, דו קענסט מאכן א סוועדער? דו וואלסט נישט געהאט די מינדעסטע אנונג וואס צו טון מיט א קאטען בוים מיט פלאקס, אדער מיט די וואל פון די ריקן פון א שעפס? דו דארפסט נעמען די קאטען, די וואל די לינען און מאכן פעדעמער. דערנאך דארפסטו לערנען ווי אזוי עס צו פארוואנדלען אין שטאף. און דו דארפסט זיך לערנען ווי אזוי עס צו בליטשן און פארבן. דארפסט וויסן ווי אזוי עס צו אויספארעמען. ס'איז זייער קאמפליצירט.

## פארוואס האבן זיי אזוי לאנג געלעבט

ווי אזוי האבן זיי געניים? זיי האבן געדארפט אויסטרעפן א נאדל און שערל, דאס מיינט אז זיי האבן אויסגעטראפן מיטלען ווי אזוי צו מאכן געצייג פון אייזן. אזא קאמפליצירטע אויסטרעף האט גענומען הונדערטער יארן פון א מענטשנ'ס ערפארונג. עס האט גענומען יארן פון חכמה צו ערצייגן די אומנות, דו מוזט האבן "די וועלט אין דיין הארץ" צו אויסטרעפן מיטלען ארויסצוציען מעטאלן און זיך באניצן דערמיט.

דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס זיי האבן געלעבט לאנג, השי"ת האט געמאכט ניצן פון זייער ווילן אויף דער וועלט, כדי צו אוועקשטעלן דעם עתיד פאר די מענטשהייט. זיי האבן געדארפט צייט צו אנזאמלען די אלע אינפארמאציע און ערפארונג, צו אנטוויקלען די פראצעדור פון געצייג וואס די וועלט ברויך האבן צו קענען פונקציאנירן.

אלזא, פארשטייען מיר גלייך אז ווען השי"ת האט געמאכט די וועלט א פלאץ וואס ציעט דעם מענטש, איז דאס געווען צוליב דעם אז די וועלט זאל פאַרזעצן צו פונקציאנירן, אז מענטשן זאלן זיין זיינע שלוחים און דער אויפבוי פון עולם הזה פאר די קומענדיגע דורות. דעריבער אויב עס וואלט זיך געוועגדעט אין אונז וואלטן מיר געזאגט אז קהלת מיינט אזוי: "השי"ת האט אריינגעלייגט די וועלט אין די הערצער פון מענטשן אז די וועלט זאל פונקציאנירן לעולם ועד".

## א נעץ ברייט ווי די וועלט

אבער ווען מיר קוקן אויף דער סוף פן דער פסוק, זעען מיר אז שלמה המלך זאגט אונז עפעס אינגאנצן אנדערש, הער זיך איין וואס דער קלוגסטער מענטש פון אלע מענטשן זאגט אונז: גם את העולם נתן בלבם, וואס איז געווען די מטרה פון השי"ת ווען ער האט באשאפן אזא אינטערעסאנטע וועלט? מבלי אשר לא ימצא האדם את המעשה אשר עשה האלקים מראש ועד סוף, א מענטש וועט נישט טרעפן די ווערק וואס דער אויבערשטער האט געמאכט פון אנהייב ביזן סוף. דו הערסט דאס? ס'איז א חידוש! די וועלט איז א גרויסער נעץ וואס ווארט דיר צו פארכאפן! זאלסט ווערן פארגאפט פון דער וועלט, און נישט טרעפן און דערהערן דעם אויבערשטנ'ס ווערק אין די וועלט.

אוודאי האט השי"ת אריינגעלייגט די וועלט אין די מוחות פון מענטשן אז זיי זאלן זיין פארנומען צו מאכן א בעסערע וועלט, דאס איז פשוט. אבער שלמה המלך זאגט אונז אויס דער סוד דא, מער ווי עס איז וויכטיג אויפצובויען די וועלט - וויל השי"ת אז דו זאלסט דיך אליינס בויען! כ'וועל עס מסביר זיין.

השי"ת האט געמאכט אן אינטערעסאנטע וועלט כדי דיר צו פרובן. נאכאמאל, גם את העולם נתן בלבם, פארוואס האט ער געמאכט די זעאונגס קראפט און הערונגס קראפט פון דער וועלט אזוי שוואך

און צארט? מבלי אשר לא ימצא האדם את המעשה אשר עשה האלקים כדי דער מענטש זאל נישט אנטפלעקן די ארבעט וואס גאט האט געמאכט. השי"ת האט בכוונה געמאכט די וועלט אלס א פאסטקע, ווערסטו פארלוירן גיין צווישן די אלע אינטערעסאנטע זאכן? ווערסטו ווערן פארנומען מיט די וועלט אז דו ווערסט איבערגיין די גרעניץ און פארגעסן אויף וואס די וועלט איז באמת באשאפן געווארן?

## די בויערס ווערן פארלענדעט

און דאס איז וואס איז פארגעקומען אין די דור בעפאר די מבול. זיי האבן געבויט די וועלט, אבער בשעת מעשה זענען זיי געווארן געשטערט און זיי האבן פארגעסן אז זיי דארפן זיך אליינס בויען.

די וועלט איז געווען אזוי אינטערעסאנט אז זיי זענען געווארן 'עולם הזה מענטשן'. בשעת זייער קאפ איז געווען פול מיט דער וועלט מער און מער, זענען זיי געווארן אזוי פארנומען מיט אלעס ארום אז זיי האבן פארגעסן פון זייער ריכטיגער ציל אויף דער וועלט. ווייל די איינציגסטע זאך וואס איז וויכטיג איז, אז דו זאלסט "אנטפלעקן דער פלאן פון בריאת העולם וואס גאט האט געמאכט פון אנהייב ביזן סוף". הקדוש ברוך הוא! דאס איז דער איינציגסטער ענין וואס זאל פארנעמען דיין קאפ! זיין פארנומען מיט דער וועלט? זיכער, אבער זאלסט קיינמאל נישט פארגעסן דער "איינער" וואס האט באשאפן די וועלט.

דערפאר איז דער מבול געקומען אויף דער וועלט. דאסווארט "מבול" מיינט אז עס האט געמאכט הבל פון אלעם. דער מבול האט אלעס געמאכט מי הבל, ס'האט אלעס געמאכט צו גארנישט! ווען זיי האבן ארויסגעקוקט און געזען א דעקע פון וואסער איבער די האריזאנט פון דער וועלט" איז עס געווען א גרויסער שאק! וואו אימער דו האסט געקוקט איז געווען גארנישט, און גארנישט און גארנישט. "וואו איז אלעס?! די וועלט וואס האט כסדר געקלאפט אין אונזערע הערצער, די וועלט פון וואס מיר האבן געטראכט דערפון בייטאג און ביינאכט, די וועלט צוליב וואס מיר האבן געלעבט איז אויס!" אוי, איז דאס געווען א לעקציע! בעפאר די מבול, האט א מענטשנ'ס אויגן געקענט וואנדערן איבער די לאנדשאפט און זען ביימער, גערטנער, וועלדער, מענטשן, און ס'איז אלעס געווען אזוי אינטערעסאנט - אזוי אינטערעסאנט, אז זיי האבן פארגעסן פון דער עיקר ציל אין לעבן.

## אלעס איז גארנישט

אבער יעצט, ווען נח און זיין משפחה - די איינציגע פון ווערמען די וועלט וועט ווידער אויפגעבויט ווערן - האבן באטראכט דער גרויסער 'גארנישט' פון אלע זייטן, האבן זיי אויסגערופן, "קוק! דער אלטער דור איז ארויס פון אלע גרעניצן צו נאכלויפן די געלט, און יעצט איז אלעס אפגעמעקט געווארן". זיי זענען געווען פארנומען צו האדעווען בהמות, זיי האבן געהאט ריזיגע סטאדעס פון שאף און רינדער, און יעצט איז אלעס אפגעמעקט געווארן. מענטשן האבן געהאט הערליכע גארטענס - אפגעמעקט. אסאך האבן געבויט הערליכע הייזער, פאלאצן; אלעס אפגעמעקט! א טייל האבן אפילו געהאט קעניגרייכן און מאכט, רייכטום אלס פירערס. "אלעס איז נעלם".

מענטשן האבן זיך געקריגט איינער מיטן צווייטן איבער אייגנטום, דער האט געזאגט "די פעלד איז מיינס". דער צווייטער האט געזאגט, "ס'איז מיינס". און צומאל זענען זיי געווען פארנומען פאר דורות זיך צו קריגן איינער מיטן צווייטן. ס'איז אלעס אפגעמעקט, וואו זענען דיינע פיינט יעצט? אלע פארשוואונדן. וואו זענען די מענטשן ווערמען דו האסט מקנא געווען? פארשווינדן. וואו איז דער פאליטיק? די קעניגן, די פרינצן? די אלע זענען געגאנגען! אלע פיינט, די פיינטשאפט, די קנאה, די קאנקורענצן, אלעס איז געווארן אפגעווישט ביים מבול.

אלע שטערונגען זענען יעצט פארשוואונדן געווארן. דערפאר האט השי"ת געזאגט, "אצינד, איך גיי פארלענדן די מענטשן אינאיינעם מיט דער ערד, אפילו די ערד און אלעס אין איר, וועט פארשוועמט ווערן, כדי ענק צו לערנען דער גרויסער לימוד, ס'איז א פארנומענע וועלט און דו מוזט לעבן אין דעם פארנומענער וועלט. אבער וואס אימער דו טוסט ווער נישט געשטערט, ווער נישט 'פארלוירן' אין דער וועלט. פארוואס נישט? ווייל אלעס איז באמת א גארנישט!"

אזוי ווי ענק זענען עס יעצט" - זאגט דער אויבערשטער - "ווען אלעס איז פארשוואונדן, דאס איז דער ריינער אמת". דער מבול האט אלעס געמאכט צו הבל אז דו זאלסט זען דער אמת פון עולם הזה. ס'איז א שיינער פלאץ ס'איז אינטערעסאנט און ציענד און א גרויסער שטערונג, אבער דו זאלסט קיינמאל נישט פארגעסן דער "איינער" וואס האט דיר אריינגעלייגט אין דער וועלט.

# חלק ב' - דער הייַנטיגער מבול

## א פארנומענער וועלט

אלזא, דער מבול איז נישט געקומען נאר פאר יענער דור, ס'איז געשריבן אין דער תורה פאר אונז צו לערנען ווי אזוי צו לעבן. און ס'איז א געוואלדיגע לימוד, ווייל מיר לערנען דא אז אויב מיר ווילן פארמיידן א מבול אין אונזער לעבן, אויב מיר ווילן נישט פארשווענדן אונזער לעבן אזוי ווי דער דור המבול, דארפן מיר פארמיידן צו זיין אינגאנצן פארטון מיט זאכן וואס האלט פארנומען אונזער קאפ מיט אלעם אויסער וואס איז וויכטיג אין לעבן.

דערפאר, ווען דער מסילת ישרים וויל אונז לערנען איבער די זאכן וואס דערווייטערן א מענטש פון דערגרייכן זיין ציל אויף דער וועלט, זאגט ער אונז (חלק ה'), איינע פון די ערגסטע שטרויכלונג. פאקטיש, דער ערגסטער שטרויכלונגען פאר א מענטשנ'ס דערגרייכונג אויף דער וועלט איז, 'הטיפול והטרדה עולמית' ווען מענטשן זענען פארנומען מיט אלעס אויף דער וועלט. ווען א מענטש ווערט איבערגעוועלטיגט מיט עסקנות פון דער וועלט, זיינע געדאנקען זענען צוגעבונדן מיט שטריקן צו א זאך אז ס'ווערט אים אוממעגליך זיך צו פארטיפן אין עבודת השם.

## ס'דא אזוי פיל צו טון

מיר זענען אזוי שטארק ארומגענומען מיט די טרדות פון לעבן, מיר זענען אזוי פארנומען צו לעבן אז מיר פארגעסן פארוואס מיר זענען דא. וואס זענען די וויכטיגע זאכן פון לעבן? ווען דו לערנסט חובת הלבבות, אזוי אויך אנדערע ספרים - מסילת ישרים, שערי תשובה, הייבן מיר אן צו זען אז עס איז דא א גאנצע וועלט פון מחשבות וואס עס פארלאנגט זיך פון אונז. מען ערוואַרט פון אונז צו וויסן פון אויבערשטנס דרכים, צו אנערקענען זיין האנט אין דער היסטאריע און אין אונזער פריוואטער לעבן.

מיר דארפן כסדר מאכן א חשבון הנפש איבערצוטראכטן אונזער לעבן. גייען מיר אין די ריכטיגע דירעקציע? פיר איך מיך אויף ריכטיג צו מיין ווייב? ווי אזוי קען איך מיר פארבעסערן אין דעם אדער יענעם ענין? ווערט מיין דאווענען פארבעסערט מיט יעדן פארבייגייענדע טאג? אדער פארשווענד איך מיין דאווענען דורך זיך שאקלען און מורמלען ווערטער? דו דארפסט א מח וואס איז נישט פארנומען אויב דו ווילסט דאווענען ווי עס דארף צו זיין, דארפסטו צייט צו חזר'ן דעם סידור.

ס'איז דא אזויפיל צו טון מיט אונזער קאפ, מיט אונזערע געדאנקען, נאר די נאכאנאנדיגע שטערונגען פון טיפול וטרדה, דאס פארנומענקייט מיט די וועלט מאכט דאס שווער. ס'איז דא אזויפיל זאכן צו טון אויף דער וועלט, אזויפיל פרייליכע געשעענישן, אזויפיל אנדערע זאכן אז מיר זענען צו פארנומען צו קענען האבן צייט און מח צו טראכטן. און דאס זאגט דער מסילת ישרים, אז עס איז אונזער גרעסטער פראבלעם אין לעבן. מיר האבן נישט קיין צייט און נישט קיין מח צו געבן גענוג אויפמערקזאמקייט אויף זאכן וואס זענען עכט וויכטיג. אונזער קאפ איז אנגעלייגט מיט אזויפיל זאכן אז דער עיקר העיקרים, אלע מדריגות און עבודת השם ווערן כמעט קיינמאל נישט גענומען אין באטראכט.

## דער בעסטער שמועס

פרוביר עס אויס. טראכט אז דו זיצט מיט אן ערליכע משפחה, לאמיר זאגן אז ס'איז דיין משפחה ביים שבת טיש. ווי אפט ווערט דער אויבערשטער דערמאנט? איך רעד נישט פון ברכות אדער דאווענען, דאס איז א באשטימטע זאך, דו קענסט דיך נישט ארויסדרייען דערפון. אבער אין א געהעריגע שמועס, דער שמועס וואס אנטפלעקט וואס איז עכט וויכטיג פאר דעם מענטש, ווי אפט פארנעמט עבודת השם דער אויבן-אן?

נעם אביישפיל א טאטע מיט זיינע קינדער, א זיידע מיט זיינע אייניקלעך, א מאן און ווייב, ווען זיי רעדן, ווי אפט קומט השי"ת אריין אין זייער שמועס? איך מיין אז דו וועסטווארטן א לאנגע צייט ביז דו וועסט עס הערן. פון אלע אנדערע זאכן וועסטו קענען הערן, ווייל דאס איז די וועלט וואס לעבט אין דיין קאפ און ביזדערווייל ווערן די וויכטיגע ענינים פון לעבן שטענדיג אוועקגעשטופט אין זייט.

און וואס מיר לערנען דא איז, אז השי"ת איז דער וואס שטייט אונטער דעם אלעם. גם את העולם נתן בלבם, השי"ת איז דער וואס האט אריינגעלייגט די וועלט אין מענטשנ'ס קאפ. און ער טוט עס היפטזענליך אונז אויסצופרובירן אויב מיר וועלן אים געדענקען טראץ די אלע זאכן וואס קומען פאר. ער האט עס געטון, "כדי דער מענטש זאל נישט אנטפלעקן די פלאן פון בריאת העולם וואס גאט האט געמאכט פון אנהייבן ביזן סוף".

## פרנסה, פאליטיק און פראטעסטן

אלזא, מיר ווייסן פארוואס אזויפיל געשעענישן קומען פאר אויף דער וועלט, און פארוואס זיי קומען פאר אזוי פארשידנארטיג, ווי נאר דו קומסט אריין אין דער וועלט ווערסטו אנגעקלאפט איבער דיין קאפ מיט קולות און געשעענישן פון עולם הזה און פון דארט און ווייטער ביזטו פארכאפט. דיין גאנצע לעבן ביזטו פארנומען מיט דער ברייטער אויסוואל אין לעבן וואס דו הערסט און זעסט.

אלע איבערלעבענישן פון די וועלט פילט כסדר אן דיין קאפ. די רעגן, די שטורעם, די ווינטן, די אנגענעמע טעג די קעלט און היץ, זומער, ווינטער און הערבסט. פארשידענע שמחות, חתונות, קינדער און ברית'ן, בר מצוות, אלע מצבים אין היסטאריע, טייל פון זיי גוטע און א טייל דערפון נישט אזוי גוט. די וועלט איז כסדר משנה עיתים ומחליף את הזמנים, ס'דרייט זיך שטענדיג, ס'טוישט זיך - עפעס טוט זיך שטענדיג.

יעדער וועט דיר וויסן צו זאגן אז ס'איז א פארנומענע וועלט! די פרנסה, משפחה, שכנים, דיינע מאלצייטן - פרישטאג און נאכטמאל אלע פארשידענע זאכן און אלע מיני זאכן וואס קומען פאר; די פארשידענע אויסוואל פון פרוכט, טרינקען, בלומען און פלעצער. זאכן וואס קומען פאר אין אונזער פריוואטער לעבן, און זאכן וואס קומען פאר יעצט אינדרויסן אין דער וועלט, די פראטעסט און יענע פראטעסט, און די געשעענישן וואס מיר האלטן מיט אין יענעם עק וועלט. כסדר קומען פאר איבערקערענישן וואס שטערן אונז.

פיל מאל זענען מענטשן פארנומען צו טראכטן פון זייער פיינט. דאס איז אויך א חלק פון דער וועלט וואס השי"ת האט ארייגעלייגט אין אונזער קאפ. מענטשן זענען מקנא אנדערע און דאס פארנעמט אויך אסאך צייט. דו ווערסט זיין איבערראשט צו געוואר ווערן וויפיל אינטערעס ווערט אויסגעגעבן אויף פיינטשאפט צו אנדערע. פרויען זיצן אפ און רעדן אויפן טעלעפאן איבער זייערע שנורן, שוויגער, שוועגערינס. אה אה, איז דארט פארנומען די טרעפיק אויפן טעלעפאן! יעדער איז פארנומען מיט לעבן.

## די ווארעמע היים

אפילו די פשוט'ע יסודות פון לעבן נעמט איבער אונזערע געדאנקען. ס'שטייט אין די גמרא (סוטה מ"ז.) חן מקום על יושביו דאס מיינט, אז השי"ת ברענגט אז מענטשן זאלן ליב האבן זייער היים. אזוי איז עס - דיין געגענט טרעפט חן אין דיינע אויגן. פארוואס איז עס אזוי? איך וועל דיר זאגן צוויי סיבות, ווער בין איך צו זאגן צוויי סיבות? איך שטעל זיך נאָר פאָר... איינס; אז השי"ת איז חפץ חסד, ער וויל אז מענטשן זאלן זיין פרייליך, מאכט ער אז מענטשן זאלן ליב האבן זייער פלאץ.

נישט קיין חילוק אויף וועלכע גאס דו וואוינסט, וועט יעדע גאס טרעפן חן אין דיינע אויגן. לאמיר זאגן אז דו דארפסט זיין אין א געוויסע פלאץ און דו זעסט דארט א גרויסע הויז אויף א הערליכע גאס, באדעקט מיט ביימער, ס'איז הערליך און עס גלוסט זיך דיר צו וואוינען אין אזא הויז. און דאן, פארנאכטס קומסטו אהיים צו דיין אנגעווארפענע ארימע הייזקע, אויף דיין ארימע קליינע געסעלע, אן אנגענעמע געפיל צושפרייט זיך אין דיינע גלידער "מיין ווארעמע היים!" חן מקום על יושביו, דיין אייגענע היים, דיין אייגענע גאס טרעפט א ספעציעלע חן אין דיינע אויגן ווייל השי"ת וויל אז דו זאלסט זיין צופרידן.

אבער ס'איז דא נאך א סיבה, איך מיין אז ס'איז װאר, און דאס איז אז השי"ת וויל אז דיין קאפ זאל זיין פארנומען מיט דיין היים, גם את העולם נתן בלבם, ער וויל ארייגלייגן די וועלט אין דיין קאפ דיר צו אויספרובירן ווילאנג דו לעבסט. דערפאר זענען מענטשן פארליבט אין זייער אייגענע היים. ס'קריכט אריין אין דיין הארץ און דו ווערסט זיין פארנומען, צומישט און געשטערט. אייביג טוט זיך עפעס אפ, "אפשר זאלן מיר לייגן די ספרים שאפע ערגעץ אנדערש? אפשר זאלן מיר קאלעכן די הויז? אדער איבערמאכן דער באלקאן? מען קען איינפלאנצן רויזן אין פארנט פון די גארטן און מאכן א פלאץ פאר די קינדער צו שפילן פון אונטן. צאלן די רענט אדער מארגעדזש איז אויך אויף דיין קאפ. וואס אימער ס'איז, ביזטו פארנומען מיט דיין סביבה".

## פראפעסיאנאלע פארנומענקייט

נישט נאר דיין היים, דיין ארבעט אויך. שכל אחד ואחד יפה לו הקב"ה אומנתו בפניו, יעדן מענטש האט דער אויבערשטער געמאכט שיין זיין פאך אין זיינע אויגן (ברכות מ"ג ע"ב). דער שוסטער איז ארייגעטון אין זיין ביזנעס פון פאררעכטן שיך, דאס איז זיין לעבן און דאס פירט ארויס פון זיין קאפ סיי וועלכע אנדערע מחשבות. דער ביזנעסמאנ'ס קאפ איז פול מיט ביזנעס. דער פלאמבער טראכט פון רערן, און דער בוכהאלטער איז א נומער-מאן. ער איז שטענדיג פארנומען אויסצוטרעפן לעגאלע וועגן, לעכער נישט צו דארפן צאלן די שטייערן. דאס איז דער ביזנעס פון אן אקאונטענט, ער וויל האלטן די געלט פון זיינע קליענט וואס ווייטער פון דער רעגירונג און ער ווערט שטארק פארנומען מיט דעם.

חתונה לעבן איז אויך א שטערונג. ווען א חתן און כלה האבן חתונה, פארלירן זיי דער ריכטיגער בליק אין די הו-הא פון די הכנות און איבערראשונג. און ביי דער חתונה פארלירן זיי דער עיקר ציל. און דערנאך, ווי נאר זיי האבן חתונה איז עס ווי איינער האט זיי געגעבן א קלאפ אין קאפ מיט א קלאץ און יעצט זענען זיי אינגאנצן באוואוסטלאז. ס'נעמט זיי וואכן און אפשר חדשים צוריקצובאקומען זייער גלייכגעוויכט

און כאפן אז יעצט זענען זיי חתונה געהאט, זיי דארפן זיך זעצן צום ריכטיגן ביזנעס פון לעבן. צו האבן א משפחה און לעבן מיט הצלחה צוזאמען איז עבודת השם.

## משפחה נעסט

קורץ דערנאך, קומט ב"ה א קינד און זיי כאפן ווידער א קלאפ אין קאפ. יעצט איז שוין דא מער פון די וועלט אין זייער קאפ. מזל טוב'ס און בעיבי שפייז, ווינדלען און נאך אויסגאבן. שפעטער נאך א קינד און נאך א קלאפ. יעדעס קינד איז נאך א קלאפ אין קאפ. ס'קומט צו אלע מיני פראבלעמען פון ברענגען פרנסה, צאלן שכר לימוד און בילס, און די קינדער וואקסן שנעל אונטער און מען דארף זיי שוין חתונה מאכן וואס דאס מיינט מער וועלט און מער וועלט אין זייער קאפ. יעצט איז דא שנורן, איידעמער מחותנים און אייניקלעך, קען זיין אז דו דארפסט פארן קיין מאנסי אדער לעיקוואוד. ס'איז א נאכאנאנדיגע פארנומענקייט וואס ענדיגט זיך קיינמאל נישט.

אפילו ווען דו האסט שוין אביסל פרייע צייט, וועסטו טרעפן דעמאלטס וואס צו טון. דו וועסט קיינמאל נישט טרעפן צייט פאר דיר אליינס. געוויסע מענטשן האבן זייער 'האביס' וואס נעמען אויף זייערע אינטערעס. דא איז א מענטש וואס איז פארנומען צו קלייבן מטבעות, ער האט זיין אייגענע פריוואטע קאלעקציע צו מטבעות. ווען געסט קומען אים באזוכן נעמט ער ארויס די פושקעס און ווייזט דאס פאר יעדן. ער טוט זיך אויף אז ער איז א מטבע-קלייבער.

אן אנדערער מענטש איז א פאסט-מארק קלייבער. א דריטער האט אינטערעס אין בילדער. ער האט בילדער פון זיינע רייזעס אין אייראפע, שווייץ און אנדערע פלעצער וואס ער האט באזוכט. ער נעמט כסדר ארויס זיינע אלבומס, ער האט א שטארקע אינטערעס אין דעם. אויב א מענטש האט נישט קיין האבי וועט ער שוין טרעפן אנדערע באשעפטיגונג וואס זאל אים האלטן פארנומען. אויב דו ברענגסט אריין צייטונגען אין הויז געבט דאס דיר מער זאכן אויף וואס צו פארשווענדן צייט דורך שפעקולירן. דערנאך זענען דא שמחות און באזוכן קרובים. צומאל דארף מען רעדן מיט שכנים, אן אנדערער דארף זיך קריגן מיט די שכנים. דו וועסט אייביג טרעפן עפעס מיט וואס צו פארנעמען דיין קאפ - אלעס אויסער וואס איז דאס מערסטע וויכטיג.

## גארנישט, גארנישט, גארנישט

אסאך מענטשן קומען קיינמאל נישט ארויס פון די צומישעניש. זיי רייסן זיך קיינמאל נישט אפ פריי פון לעבן א לעבן פון שטערונגען ביז זיי ווערן אלט און דערנענטערן זיך צום שטארבן. נאר ווען ער איז ביים שוועל פון פארלאזן די וועלט קוקט ער צוריק און זאגט, "פארוואס בין איך געווען אזא נאר? פארוואס האב איך געלעבט מיין גאנצע לעבן, געשטערט דורך די וועלט וואס השי"ת האט אריינגעלייגט אין מיין הארץ? פארוואס האב איך זיך נישט אפגעריסן פון די שטריקן פון טיפול וטרדה און געטון עפעס מיט מיין לעבן?" און דעריבער, צוליב דער שטענדיגער אנוועזענדע סכנה, איז געקומען דער מבול אונז צו לערנען א לימוד אז ס'איז אלעס הבל, אזוי ווי קהלת זאגט כסדר, הבל הבלים אמר קהלת, ס'איז אלעס גארנישט און גארנישט מיט גארנישט.

אין ספר קהלת געבט שלמה המלך אזוי פיל צייט אויף דער ענין, אז ס'וואונדערט. פארוואס איז ער אזוי פארנומען צו מאכן א גארנישט פון יעדע זאך? ס'איז וואר, מיר וועלן מודה זיין אז גרויסע זאכן זענען טאקע הבל: לופט - רייזעס זענען הבל הבלים. אלע רייזע קאמפאניס ארבעטן דיר צו פארקויפן הייסע לופט. זיי האבן נישט קיין עכטע פראדוקטן צו פארקויפן. פארשטייט זיך, די מאוויס און טיאטערס זענען צען מאל הבל. די ביבליאטעק זענען אנגעפילט מיט פאליצעס אויף פאליצעס מיט

הבל הבלים, הבל הבלים! ספארט'ס, הבל הבלים! מאלעווען (אַרט), הבל הבלים! ערליכע אידן וועלן מודה זיין צו דעם — מיר וועלן עס כאטשיג ארויסזאגן מיטן מויל. מיר קענען אננעמען אזעלכע געדאנקען.

# חלק ג' - דער סיבה אונטער'ן מבול

## דאס שליסל צו הצלחה

דאס איז געווען דער חידוש גדול פון דעם מבול — די מעסעדזש וואס דער מבול איז געקומען זאגן. דער ציל פון דער פארפלייצונג איז געווען צו מהבל זיין כל עניני עולם הזה, אפצואווישן אלעס און אונז צו לערנען אז די גאנצע בריאה איז גארנישט. אלעס איז גארנישט! דער הימל איז הבל הבלים! דער ערד איז הבל הבלים! עסן איז הבל הבלים. רעגן איז הבל הבלים, דיין הויז איז גארנישט! דיין ווייב, דיינע קינדער, דיין ארבעט, איז אלעס גארנישט. דער אקיאן און זון שטראלן אין די ריזיגע וועלדער, ווייץ פעלדער, גערשטן און קארן פעלדער, ס'איז אלס הבל. דער מבול איז אן אנדייטונג אז אלעס איז נול.

קען דאס נישט אויסזען טרויעריג און פארביטערט? ס'זעט אויס ווי מיר ווערן פאראורטיילט צו א לעבן פון הבל, און גארנישט. און נישט נאר דאס, ס'איז טרויעריג אבער ס'לייגט זיך נישט אויפן שכל! נאך אלעם האט השי"ת אונז אריינגעלייגט דא און מיר וועלן זיין דא פאר א הונדערט יאר, צי וויפיל, און אויב אלעס איז גארנישט, דאן פארוואס לעבן?

דערפאר זאלסטו נאכנישט אהיימגיין, איך בין נאכנישט פארטיג. ווייל הכל הבל איז נאר דער אנהייב - ס'איז נאר דער הקדמה פון דער וועלט. און איינמאל דו לערנסט דער הקדמה מיט די ריכטיגע פירושים ועסטו האבן די שליסל צו א העכסט סוקסעספולער לעבן אויף דער וועלט.

## ס'איז הבל ווען סאיז פאר זיך

ווייל איינמאל מיר לערנען אז הכל הבל ברענגט עס צוריק אונזער קאפ צו השי"ת. זיי האבן ארויסגעקוקט פון פענסטער פון תיבה און זיי האבן געזען אז ס'איז גארנישט געבליבן נאר השי"ת. נאר הקדוש ברוך הוא! דאס איז געווען דער ריכטיגער לימוד פון דער מבול. פארוואס איז דאס אלעס איבערגעקערט געווארן צו גארנישט? ווייל דער איין איינציגער באשעפער האט עס געמאכט צו א גארנישט. אלעס איז פארשווינדן און יעצט פירט השי"ת זיין מעכטיגע קעניגרייך איבער די גאנצע בריאה.

און דאס איז דער לעקציע וואס נח מיט זיין משפחה האבן געדארפט געדענקען ווען זיי האבן איבערגעבויט די וועלט. השי"ת האט געזאגט: "אוודאי ווארט אייך אפ א וועלט, אונטער די וואסער. און דורך נח מיט זיין משפחה און די חיות וואס זענען גערעטעוועט געווארן וועט די וועלט צוריק אויפגעבויט ווערן. אבער דער סצענע פון אליידיגע וועלט איז געמאכט געווארן פאר אן אייביגער זכר אז איך שטיי אונטער די ארענע, און אזוי לאנג וואס דו ווערסט מיר שטענדיג געדענקען, און אזוי לאנג ווען דו ווערסט נישט געשטערט פון דער ארום, דעמאלטס איז עס נישט הבל - ס'איז מיר! ס'איז נאר הכל הבל אויב דו ווערסט געשטערט, דאן איז עס איין גרויסער גארנישט. אויב דו ביזט באוואוסטזיניג אז ס'איז אלעס 'דבר השם' דעמאלטס ווערט אלעס איבערגעדרייט צו דערמאנונגען פון השי"ת". און דערפאר, ווען א מענטש

קען איבערקומען דער הבל פון דער וועלט וואס שטערט אים, און ער קען טראכטן נאר פון דער ריינער צענטער פון אטראקציע - השם אחד - דאן איז גארנישט הבל מער.

## איין און איינציג

דערפאר זאגן מיר שמע ישראל - הער דיך צו ישראל. צו וואס זאלסטו דיך צוהערן? וואס איז די וויכטיגסטע זאך וואס דו דארפסט הערן? השם אחד! דאס איז די וויכטיגסטע זאך - צו טראכטן פון השי"ת אלעמאל. ווען דו זאגסט השם אחד זאגסטו נישט בלויז אז ער איז דער איינציגסטער! אז ער איז נישט ווי להבדיל, דער דריי-און-איין שיך-פוץ ווי די אנדערע רעליגיעס. ניין, זיכער נישט, ס'איז אסאך מער פון דעם. "איינס" מיינט אז ער איז דער איינציגסטער זאך אויף דער וועלט וואס איז ווערד צו טראכטן דערפון! אויב דו טראכסט פון סיי וועלכע אנדערע זאך, טראכסטו פון הבל.

אלזא, איך פארשטיי אז עס וועט זיין קעגנערשאפט צו דעם. אויב דו וועסט פרובירן צו זאגן פאר מענטשן איבער די זאכן וועלן זיי דיר אויסלאכן. זיי וועלן זאגן אז ס'איז עקסטרעם און נישט ריאליסטיש. "דו דארפסט זיין אן ערליכער איד", וועלן זיי זאגן. "דו דארפסט דאווענען, לערנען תורה און טון מצוות, אבער צו זאגן אז מען דארף נאר טראכטן פון השי"ת, און אויב נישט איז עס הבל?! נאר טראכטן פון השי"ת?! דאס איז לעבן?! דער ענטפער איז "יא"!!! א הילכיגן יא! "דאס איז דער בעסטער לעבן, דאס איז דאס מערסטע מוצלח'דיגער לעבן, דער גליקליכסטער לעבן".

## נס קינדער

אמאליגע צייטן האבן עס מענטשן זייער גוט פארשטאנען. ביי די פריערדיגע דורות, וואס זיי זענען אונזערע ביישפילן, זעען מיר אז ווען עשו האט געפרעגט פון יעקב אבינו, "ווער זענען די מענטשן וואס זענען מיט דיר?" האט יעקב אים געענטפערט, בני הם אשר נתן לי אלקים, זיי זענען מיינע קינדער וואס דער אויבערשטער האט מיר געגעבן.

"זיי זענען מיינע קינדער" וואלטן מיר געענטפערט. ווער זענען זיי? מיינע קינדער. ניין! זיי זענען די קינדער וואס גאט האט מיר געגעבן! איך האב געקענט א צדיק וואס האט געזאגט, "ווען איך קוק אויף מיין ווייב טראכט איך פון השי"ת". ער קוקט אויף זיינע קינדער און ער טראכט פון השי"ת. פון וואו קומען די לעכטיגע קינדער? 'א נס', טראכט ער. "דער קינד איז א נס!"

אז א מענטש זאל דאס אויסרופן הויך, וועט ער אפשר אויסזען גרויסהאלטעריש אדער א נאר, היינט צוטאגס. אפשר איז ווערד צו זיין א נאר - מוטב להיות שוטה כל הימים ולא להיות רשע לפני המקום, ס'איז ענדערש צו זיין א נאר א גאנץ לעבן און נישט א רשע פארן אויבערשטן. נעם עס אן פארזיכטיג. ס'איז א רעצעפט צו שטייגן, אבער פרוביר נישט סתם צו זיין א שוטה. סיי וואס, איז דאס דער פרינציפ וואס דו זאלסט דיך אויסוועלן - צו זען השי"ת איבעראל! אים צו זען אין יעדע זאך!

## חזר'ן מאכט קענען

איך ווייס אז ווען דו רעדסט צו מענטשן וואס זענען נישט קיין עמי הארצים וועלן זיי זאגן, אז זיי ווייסן שוין אלעס פון דעם ענין. "אוודאי, נאר השי"ת און גארנישט מער, אוודאי, אוודאי"... אבער מען טוט גארנישט אויף למעשה. דעריבער דארפן מיר רעדן דערפון כדי עס צו פראקטיצירן און נישט עס האבן נאר טעאראטיש. ווייל איינמאל א מענטש הייבט אן צו פראקטיצירן דעם לעקציע ווערן אלע זאכן וואס זענען אמאל געווען הבל, איבערגעדרייט פון גארנישט צו השם אחד.

דאס זענען די ווערטער פון דער מסילת ישרים (חלק א'), קודם זאגט דער מענטש, "הכל הבל", ער זאגט אז "די וועלט איז גארנישט", אבער נאכדעם דערמאנט ער זיך וואס דער מבול האט אים געלערנט, אז השי"ת איז דער איינציגסטער איבער וועמען עס איז ווערד צו טראכטן.

און איינמאל ער פארשטייט אז השי"ת איז איבעראל און אז ס'איז זיין רצון אז מיר זאלן אים זען איבעראל, הייבט ער אן צו אפלערנען די וועלט ריכטיג, און די וועלט ווערט ווידער וויכטיג אין זיינע אויגן אבער אויף אן אנדערן אופן. ווען אלעס דערמאנט אים פון השי"ת איז עס מער נישט הבל. דורך פראקטיצירן דעם לעקציע נאכאמאל און נאכאמאל הייבט ער אן צו הערן אז "די וועלט איז נישט עפעס וואס איז פאר'מיאוס'ט", נאר אין קאנטראסט, לערנט ער זיך אויס ליב צו האבן די וועלט ווייל ער זעט השי"ת אין יעדע זאך.

## אן אנדערע סארט בוים

ווען ער קוקט ארויס פון פענסטער און ער זעט א בוים, זעט ער השי"ת'ס בריאה, ס'איז נישט הבל, ס'איז השי"ת'ס בוים. אה אה! דאס איז שוין אן אנדערע סארט בוים! און ווען ער זעט אן עפל אויף זיין טיש ווערט ער נישט געשטערט דערפון, ער זעט א נס וואס השי"ת האט געמאכט. ער קלערט אריין איבער דער געוואלדיגער נס וואס איז געשען אז פון א שטיק האלץ איז געוואקסן אן עסבארע זאך. ס'איז געווארן געקאכט אויפן בוים און יעצט איז עס א פעקל געשמאקע עסן. ס'האט אביסל צוקער, אביסל זויערקייט, ממש פונקט אין די ריכטיגע מאס. און ס'איז איינגעפאקט אין א הערליכע איינפאק וואס באשיצט די פרוכט און דער איינפאק איז אויך עסבאר.

באטראכט א שטיקל ברויט. פון וואו איז די ברויט פון מיין טיש אהערגעקומען? המוציא לחם מן הארץ, אה, ס'איז מער נישט הבל. ס'איז פאר א דענקער, א בוים און אן עפל, א שטיקל ברויט זענען דערמאנונגען פון השם אחד. אויב דו קוקסט אויף א זאך נאר פאר הנאה ווערן איז עס הכל הבל. דו עסט אויף דעם עסן און ס'ווערט פארוואנדלט צו מיסט, דאס אלעס. אבער אויב דו עסט די עסן פארן ציל זיך צו דערמאנען פון השי"ת דאן איז עס דאס פארקערטע פון הבל.

## ס'רעגנט קיינמאל נישט

דאס זענען נאר געציילטע ביישפילן. עס זענען דא אן א שיעור געלעגנהייטן צו נעמען די וועלט פון הבל און עס איבערדרייען צו א וועלט פון השם אחד. ווען עס רעגנט אינדרויסן ווערן געוויסע מענטשן איבערגענומען, "קוק ס'רעגנט! ס'דונערט! אוי, ס'איז אזוי ווינטיג!" אבער דאס איז הבל! אין גוי'איש זאגט מען, "ס'רעגנט". אבער מיר זאגן 'מוריד הגשם', השי"ת ברענגט דעם רעגן. ס'רעגנט נישט סתם. השי"ת מאכט אז ס'זאל רעגענען! דאס מיינט מיר ווערן נישט געשטערט פונעם רעגן. נאר פונקט פארקערט - די רעגן-טראפנס דערמאנט אונז פון השי"ת.

ווען די טראפנס קומען אראפ דארפן מיר קוקן אויף די רעגן און ווערן פארגאפט פון דער נס וואס קומט פאר. פון וואו קומען די פרישע ריינע וואסער? איז דא א גרויסער וואסער טאנק ערגעץ וואו אין די הימל?

מען דארף פארשטיין אז אלע רעגן קומט פון אונטן, פון די שמוציגע, געזאלצענע אקיאנען, נאר דער היץ פון דער זון צולאזט די וואסער און ברענגט עס ארויף אין פארעם פון ריינע נעפל וואס פארעמט וואלקענעס מיט ריינע וואסער וואס השי"ת האט באשאפן. און דערנאך ווערן די שווערע וואלקענעס געפירט דורך די ווינטן פון השי"ת - משיב הרוח - ער איז דער וואס בלאזט די וואלקענעס איבער די ערד טיף, און פארוואנדלט עס ווידער צו וואסער און ס'פאלט ווידער צום ערד וואו מען ברויך עס האבן.

## די זון שיינט מער נישט

ווי נאר די וואסער קומט אראפ, הייבט עס אן צו פליסן איבער די בערג דורך די וואונדערליכע קראפט פון כח המשיכה (גראוויטי) צושפרייטנדיג זיך איבעראל. און אלע איבעריגע וואסער פליסט צוריק אריין אין ים. כל הנחלים הולכים אל הים, והים איננו מלא, אלע טייכן גייען צום ים, און דער ים איז נישט פול (קהלת א, ז). ווי נאר די וואסער דערגרייכט דעם ים ווערט די זון ווידער פארנומען, דאס מיינט אז השי"ת טוט ווייטער אויפהייבן פון דער ים ריזיגע משאות פון וואסער נעפל. ס'איז א געוואלדיגער נס. ס'איז א סיסטעמאטישע פראצעדור וואס שטעלט צו וואסער פאר דער ערד אין א נאכאנאנדיגע צירקל.

פלוצלונג איז דער זון מער נישט קיין זון. די זון שטראלן זענען מער נישט קיין זון שטראלן. דער ווינט איז נישט קיין ווינט - די וואלקענעס זענען נישט קיין וואלקענעס. די אקיאנען זענען מער נישט אקיאנען. אויב יא זענען זיי הכל הבל הבלים, אבער ווען אונזער קאפ ארבעט אריינצוקלערן דערין ווערן אלע הבל איבערגעדרייט צו השם אחד.

## זעענדיג דורך דעם קוקער

דאס איז דער גרויסער נסיון מיט וואס מיר לעבן אויף דער וועלט, דער נסיון פון גם את העולם נתן בלבם. אלעס אין דער וועלט פארנעמט אונזער הארץ בייטאג און ביינאכט. די וויכטיגע זאכן ווי אונזער משפחה, פריינט, פרנסה, און אויך די וויניגער וויכטיגע-זאכן, אלע סארט באשעפטיגונגען צו טאן און זען, אלע סארט מענטשן צו באגעגענען און יעדע סארט באגעגעניש.

און איינע פון די צילן פון דער ברייטער בילד פון לעבן איז צו מאכן אונזער קאפ פארנומען. ס'איז א פרואוו, וועלן מיר ווערן פארכאפט אין וואס מיר זעען און וואס מיר הערן? און אפשר וועלן מיר פארגעסן פון השי"ת? דער וועלט איז געמאכט ספעציעל קאמפליצירט כדי צו מאכן מענטשן זיך פארלירן אין די ברייטע וועלט. און דער נסיון פון לעבן איז צו קענען איבערקומען די שוועריגקייט פון הטיפול והטרדה, די צומישעניש פון דער סביבה. ווייל נאך אלעס האט פארט די וועלט א ציל, ס'מוז נישט זיין הבל. און נאר דער מענטש וואס קען מלחמה האלטן מיט די צומישעניש פון לעבן, טראץ די אלע זאכן וואס קומען כסדר פאר ארום אים, טראץ די אלע סצענעס און קולות וואס זענען כסדר אנוועזענד אין אים איז ער נישט מסיח דעת פון השי"ת, דער איז דער מענטש וואס האט מצליח געווען אין דער וועלט.

צוליב דעם וואס, אינזינען האבן הקדוש ברוך הוא איז דאס וויכטיגסטע זאך - איז געווען ווערד צו ברענגען א מבול אויף דער וועלט, נאר צו לערנען דעם לימוד לעולם ועד. דער גרויסער פארפלייצונג איז געקומען צו פארניכטן אלעס, כדי צו פארשטעלן פאר'ן מענטש אז די אלע זאכן וואס די מענטשן האבן געהאלטן ביז יעצט פאר וויכטיג זענען באמת גארנישט. וואס בלייבט אויף דער וועלט? ס'איז גארנישט געבליבן פון וואס צו רעדן, גארנישט פון וואס צו טראכטן, נאר וואסער פון אלע זייטן. זיי זענען געזעצן אין תיבה און ס'איז גארנישט געווען צו טון אויסער ארויסקוקן און זען גארנישט. אויף דעם אופן האבן די גרינדערס פון די נייע וועלט בייגעוואוינט כאטש איינמאל אין לעבן, אז פאקטיש איז עס נאר השי"ת וואס דארף זיין אין אונזערע הערצער און מיט דעם פארשטאנד זאלן זיי ווידער איבערבויען די וועלט.

א גוט שבת!

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר׳ אביגדור מיללער זצ״ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

## שאלה:

**רש״י אין מס׳ ביצה (ט״ז) איז מסביר אז די סיבה פארוואס א איד באקומט די נשמה יתירה שבת, איז כדאי ער זאל קענען עסן מער אום שבת. איך מיין אז דאס זעהט אויס א מאדנע סיבה צו דארפן באקומען דערפאר א נשמה יתירה?**

## תשובה:

פאקטיש מיינט רש״י עפעס אנדערש. רש״י זאגט אז וויבאלד מיר באקומען א נשמה יתירה, דערפאר עסן מיר שבת מער — אבער נישט אז דאס איז די סיבה פאר די נשמה יתירה. די נשמה יתירה באדייט אז שבת פארמאגן מיר נאך א סארט נשמה וואס גיט אונז עקסטערע כוחות און התלהבות וואס איז געשענקט געווארן מיר זאלן בעסער פארשטיין די שבת לימודים; אזוי וועלן מיר דאס מער שפירן. און דערפאר, ווייל מיר באקומען די נשמה יתירה זענען מיר מער פעאיג שבת — אויב מיר נוצן דאס אויס, האבן מיר מער מעגליכקייטן צו לערנען די געוואלדיגע שבת לימודים אזוי אויך אנדערע לימודים.

אבער וויבאלד מיר פארמאגן דאן עקסטערע כוחות, פארנעמען מיר מער עסן. דאס איז וואס רש״י זאגט. ווען א מענטש איז אין א גוטע גוסטע, עסט ער מער; ווען ער איז צוקלאפט ביי זיך, עסט ער ווינציגער. דערפאר ווען די נשמה יתירה קומט אריין, באקומט דער מענטש א התלהבות, ער באקומט א ווילן צו פיזישע עסן און פיזישע הנאות. דאס מיינט אבער נישט אז די נשמה יתירה איז דייטליך געשענקט געווארן צו עסן מער.

**פרנס השבוע לשאלות ותשובות**

לע״נ הרה״ח חנוך אלימלך ב״ר יהושע ע״ה
וזו׳ מרת מלכה בת ר׳ שמואל ע״ה